בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון
קס"ה

פרשת ואתחנן
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## - גֶעשְׁפֶּעטִיגְט -

### אַ זְכִיָּה צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער

מְחַנְּכִים דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי זְכִיָּה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ קֶענֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דֶעם לֶערְנֶען וָואס תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן לֶערְנֶען מִיט זֵייעֶרע מְחַנְּכִים (שַׁבָּת קיט:). אוֹיךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): **"וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד"** - **"אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת"**, אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן דִי מְחַנְּכִים שַׁיינֶען וִוי דִי שְׁטֶערְנְס.

### אָנְוַוייזוּנְגֶען וֶוען קִינְדֶער שְׁפֶּעטִיגְן

עֶס מַאכְט זִיךְ זֵייעֶר אָפְט אִין אַ כִּתָּה אַז קִינְדֶער קוּמֶען אָן שְׁפֶּעט. וִויבַּאלְד דֶער נַאטוּר פוּן מְחַנְּכִים אִיז אַוֶועקְצוּשְׁטֶעלְן אַ שְׁטַארְקֶע אָרְדֶענוּנְג אוּן אַ סֵדֶר אִין כִּתָּה, קֶען עֶס זֵיי זֵייעֶר שְׁטֶערְן; בִּפְרַט אוֹיבּ מֶען הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אַ גֶעוִויסֶע פְּרָאגְרַאם אָדֶער אַ לִימּוּד, אוּן אִינְמִיטְן קוּמְט אַ קִינְד אַרַיין.

דֶערִיבֶּער וֶועלְן מִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף דָא גֶעבְּן עֶטְלִיכֶע אָנְוַוייזוּנְגֶען וָואס צוּ טוּן אִין פֶּעלֶער וֶוען קִינְדֶער שְׁפֶּעטִיגְן.

צוּם עֶרְשְׁט, אִיז כְּדַאי אַיינְצוּשְׁטֶעלְן אִין אַ מוֹסָד, אַז יֶעדֶעס קִינְד וָואס קוּמְט אָן שְׁפֶּעט זָאל קוֹדֶם גֵיין צוּם אָפִּיס (פוּנֶעם מְנַהֵל, סְגַן מְנַהֵל אָדֶער סֶעקְרֶעטַאר) אוּן זָאגְן דִי סִיבָּה פַארְן שְׁפֶּעטִיגְן. דֶער אָפִּיס זָאל הַאלְטְן אַ חֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדְן קִינְד וֶוען עֶר קוּמְט אוּן וִויפִיל מָאל עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט. דֶערְנָאךְ זָאל דֶער אָפִּיס גֶעבְּן פַארְן קִינְד אַ צֶעטְל צוּ בַּארֶערְכְטִיגְן זַיין שְׁפֶּעטִיגְן, אוּן דָאס קִינְד זָאל דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר זַיין מְחַנֵּךְ. דָאס אִיז זֵייעֶר אַ פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶע אוּן רִיכְטִיגֶע מַהֲלָךְ.

וֶוען דָאס קִינְד קְלַאפְּט שׁוֹין אוֹיפְן טִיר אוּן קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה, דַארְף מֶען וִויסְן וִוי פָאלְגְנְד:

עֶרְשְׁטְנְס: מֶען דַארְף אוֹיפְנֶעמֶען דָאס קִינְד מִיט אַ שְׁמֵייכְל. פַארְוָואס זָאל קוּמֶען פַארְן קִינְד מֶען זָאל אִים מַאכְן שְׁפִּירְן אִיבְּרִיג אִין כִּתָּה, אָדֶער אִים וַוייזְן אַ בְּרוֹגֶז'דִיג פָּנִים? דֶער מְחַנֵּךְ וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט בֶּאֱמֶת פַארְוָואס דָאס קִינְד אִיז גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט; אֶפְשָׁר הָאט דָאס קִינְד פַארְפַאסְט דֶעם בָּאס אִינְדֶערְפְרִי וַוייל עֶר הָאט נֶעכְטְן גֶעהַאט אַ שִׂמְחָה, אָדֶער אִיז אִינְדֶערְהֵיים גֶעוֶוען אַ 'וַואכְנַאכְט' - עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלָאפְן וַוייל דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעוֵויינְט אַ גַאנְצֶע נַאכְט.

צְוֵוייטְנְס: מֶען זָאגְט פַארְן קִינְד עֶר זָאל אוֹיסְטוּן זַיין מַאנְטְל אוּן אַרָאפְלֵייגְן זַיין טַאשְׁקֶע מִיט זַיינֶע זַאכְן. דֶערְנָאךְ מוּז מֶען פְרֶעגְן דָאס קִינְד: **"דוּ הָאסְט שׁוֹין עֶפֶּעס גֶעגֶעסְן הַיינְט?"** וַוייל זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל וֶוען אַ קִינְד שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט, פַארְגֶעסְן דִי עֶלְטֶערְן צוּ גֶעבְּן פַארְן קִינְד צוּ עֶסְן; אַסַאךְ מָאל זוּכְן זֵיי דֶעם שְׁנֶעלְסְטְן וֶועג וִוי אַזוֹי אִים אָפְּצוּשִׁיקְן אִין מוֹסָד אוּן זֵיי פַארְגֶעסְן זִיכֶער צוּ מַאכְן אַז דָאס קִינְד זָאל פַארְדֶעם עֶסְן גֶעהֶערִיג.

אוֹיבּ דָאס קִינְד עֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעגֶעסְן, אָדֶער אַז עֶר הָאט בְּלוֹיז גֶעגֶעסְן עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיקֵייט אוּן נִישְׁט קַיין בְּרוֹיט, מוּז מֶען גֶעבְּן רְשׁוּת פַארְן קִינְד צוּ גֵיין אִין עֶס-זַאל עֶסְן בְּרוֹיט, כְּדֵי עֶר זָאל הָאבְּן כֹּחַ פַארְן טָאג. מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג נִישְׁט צוּ לָאזְן אַ קִינְד הוּנְגֶערְן אִין כִּתָּה; עֶס טָאר נִישְׁט זַיין אַזַא זַאךְ.

דְרִיטְנְס: וֶוען דָאס קִינְד זֶעצְט זִיךְ שׁוֹין אַרָאפּ אוֹיפְן פְּלַאץ, דַארְף מֶען רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיפְן קִינְד, אִים מַאכְן שְׁפִּירְן זֵייעֶר אַנְגֶענֶעם אוּן גֶעבְּן אַ גוּטְן גֶעפִיל. מֶען טָאר נִישְׁט בַּאזִייטִיגְן דָאס קִינְד, נָאר מֶען דַארְף אִים גֶעהֶערִיג אַרַיינְנֶעמֶען אִין דֶעם עִנְיָן וָואס מֶען לֶערְנְט יֶעצְט אִין כִּתָּה.

### קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג פַארְן שְׁפֶּעטִיגְן

אַסַאךְ מְחַנְּכִים פְּרוּבִּירְן נָאכְצוּמַאכְן דָאס וָואס זֵיי גֶעדֶענְקֶען פוּן יְשִׁיבָה, אַז מֶען זָאגְט אַמָאל פַאר אַ בָּחוּר וָואס אִיז גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט: **"דוּ קֶענְסְט צוּרִיק אַהֵיימְגֵיין"**. דָאס אִיז אָבֶּער אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, וַוייל בָּחוּרִים דַארְפְן טַאקֶע טְרָאגְן אַן אֵייגֶענֶעם אַחְרַיוּת צוּ זַיין אִין צַייט, אָבֶּער קִינְדֶער קֶענֶען נָאכְנִישְׁט טְרָאגְן קַיין אֵייגֶענֶע אַחְרַיוּת אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אוּן אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְן בָּאס.

קִינְדֶער זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט שׁוּלְדִיג פַארְן שְׁפֶּעטִיגְן; אוֹיבּ דִי מַאמֶע אִיז פַארְשְׁלָאפְן, קֶענֶען זֵיי דָאךְ נִישְׁט

אַלֵיין קוּמֶען אִין חֵדֶר אָדֶער אִין שׁוּלֶע. קִינְדֶער דַארְפְן הָאבְּן אֵיינֶעם וָואס זָאל זֵיי אוֹיפְוֶועקְן, אָנְטוּן, זָאגְן: **"אַ גוּטְן טָאג"**, אוּן זִיכֶער מַאכְן אַז זֵיי הָאבְּן אַ וֶועג אָנְצוּקוּמֶען אִין מוֹסָד; דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין פָּשׁוּטְ'עֶ מַעֲשֶׂה.

אִיז עֶס דֶען גֶערֶעכְט צוּ קַנְסְ'עֶנֶען אַ קִינְד פַארְן אָנְקוּמֶען שְׁפֶּעט, אַז עֶר זָאל מוּזְן בְּלַייבְּן אִין אַ זַייט אוּן גָארְנִישְׁט קֶענֶען מִיט הַאלְטְן?! מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן!

## זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט דִי גֶעפִילְן פוּן דִי קִינְדֶער

מְחַנְכִים דַארְפְן אַרַיינְלֵייגְן קָאפּ אוּן הַארְץ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דִי גֶעפִילְן פוּן דִי קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי אוּנְז אִין שׁוּלֶע "בֵּית פֵיגָא"; אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר מְרֻגָּשׁ אוּן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן אַזֶעלְכֶע גֶעטְרֵייעֶ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִינֶעם מוֹסָד.

אַ לֶערֶערִין פוּן זֶעקְס יֶערִיגֶע קִינְדֶער הָאט אָנְגֶעגְרֵייט אִירֶע תַּלְמִידוֹת אַז 'זֹאת חֲנוּכָּה' וֶועט פָארְקוּמֶען אַ שֵׁיינֶע מְסִבָּה אִין כִּתָּה, אוּן זִי הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף קוּמֶען אָנְגֶעטוּן שַׁבָּת'דִיג.

שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט; אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען יֶענֶעם אִינְדֶערְפְרִי אָנְגֶעקוּמֶען שַׁבָּת'דִיג - אוֹיסֶער אֵיין קִינְד וָואס אִיז בְּטָעוּת אָנְגֶעקוּמֶען וָואכֶעדִיג. דָאס קִינְד אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אוּן זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען אוּן פַארְפִירְן. דִי לֶערֶערִין וָואלְט גֶעקֶענְט זָאגְן פַארְן קִינְד: **"גֵיי אַרַיין אִין כִּתָּה, מֶען וֶועט שׁוֹין זֶען וָואס מֶען גֵייט טוּן"**, אָבֶער אַזוֹי וִוי זִי אִיז זֵייעֶר הַארְצִיג אוּן גֶעטְרֵיי פַאר דִי קִינְדֶער, הָאט זִי פַארְשְׁטַאנֶען וִוי אַזוֹי דָאס קִינְד שְׁפִּירְט מִיט אִיר קְלֵיינֶעם מֹחַ צוּ זַיין אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי גַאנְצֶע כִּתָּה. הָאט זִי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם קִינְד מִיט חָכְמָה: **"אָה, נָאךְ אַ מַזָל אַז דוּ בִּיסְט אָנְגֶעקוּמֶען מִיט אַ בְּלוֹיעֶ קְלֵייד! אִיךְ הָאבּ הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי אָנְגֶערוּפְן דַיין מַאמֶע בֶּעטְן אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אָנְגֶעטוּן מִיט אַ בְּלוֹיעֶ קְלֵייד, וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן פוּן דִי גַאנְצֶע כִּתָּה אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיסְטֵיילְן דָאס עֶסְן בַּיי דִי מְסִבָּה, אוּן עֶס אִיז שֶׁענֶער אַז דִי אוֹיסְטֵיילֶער זָאל זַיין אָנְגֶעטוּן מִיט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע קְלֵייד אַנְדֶערְשׁ פוּן יֶעדְן! זֶעט אוֹיס אַז דַיין מַאמֶע הָאט דִיר פַארְגֶעסְן צוּ זָאגְן"**. וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סה:): **"מוּתָּר לוֹ לָאָדָם לְשַׁנּוֹת בִּדְבַר הַשָּׁלוֹם"**, אַ מֶענְטְשׁ מֶעג טוֹישְׁן פוּנֶעם אֱמֶת, כְּדֵי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי לֶערֶערִין הָאט אוֹיךְ אָנְגֶערוּפְן דִי מַאמֶע אוּן דֶערְצֵיילְט וָואס זִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אִיר טָאכְטֶער, כְּדֵי דִי מַעֲשֶׂה זָאל שְׁטִימֶען וֶוען דָאס קִינְד וֶועט אַהֵיימְקוּמֶען.

דִי עֵצָה הָאט גֶעאַרְבֶּעט הַפְלֵא וָפֶלֶא; וֶוען דָאס קִינְד הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז זִי גֶעוָוארְן אוֹיסְטֶערְלִישׁ פְרֵיילִיךְ, אִיר פָּנִים הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט, אוּן זִי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דִי הוֹיפְּט אוֹיסְטֵיילֶער בַּיי דִי מְסִבָּה.

אַזַא מַעֲשֶׂה אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן קָאפּ אוּן הַארְץ זִיךְ צוּ רֶעכֶענֶען מִיט דִי גֶעפִילְן פוּן קִינְדֶער.

## וּמְקַבְּלִין דֵין מִן דֵין

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג וֶוען מְחַנְכִים טְרֶעפְן זִיךְ אִינְאֵיינֶעם אִין 'מְחַנְכִים צִימֶער' בַּיי הַפְסָקָה אוּן בַּיי מִיטָאג, אַז עֶס זָאל זַיין 'וּמְקַבְּלִין דֵין מִן דֵין' - דִי מְחַנְכִים זָאלְן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן אֵיינֶער פַארְן צְוֵייטְן גֶעדַאנְקֶען אוּן עֵצוֹת וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַן עֵצָה גֶעגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, כְּדֵי יֶעדֶער זָאל עֶס קֶענֶען נָאכְמַאכְן אִין זַיין כִּתָּה.

מֶען דַארְף אָבֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשִׂיוֹת מִיט דִי נֶעמֶען פוּן דִי קִינְדֶער. מֶען עֶפְנְט נִישְׁט קֵיין מְחַנְכִים צִימֶער אִין אַ מוֹסָד כְּדֵי יֶעדֶער זָאל דָארְט קֶענֶען דֶערְצֵיילְן אַלֶע פְּרִיוַואטֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן דִי קִינְדֶער, יֶעדֶער זָאל מִיט הַאלְטְן וֶועלְכֶע קִינְד הָאט אַיינְגֶעמַאכְט אָדֶער גֶעבִּיסְן אַ צְוֵייטְן וְכַדוֹמֶה. דִי אַלֶע זַאכְן דַארְפְן בְּלַייבְּן אַלְס אַ סוֹד צְווִישְׁן דִי הַנְהָלָה אוּן דֶעם מְחַנֵךְ.

## טְרָאגְן אַחְרָיוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער

מְחַנְכִים זֶענֶען פַאראַנְטְוָוארְטְלִיךְ אוֹיף דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצְן טָאג; מֶען דַארְף הַאלְטְן אַ שְׁטַארְקֶע אוֹיפְזִיכְט אוּן אַ פוּלֶע הַשְׁגָחָה אוֹיף דִי קִינְדֶער יֶעדֶע מִינוּט פוּנֶעם טָאג.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין אַ שׁוּלֶע: אַ קִינְד הָאט זִיךְ עֶפֶּעס פַארְאַמְפֶּערְט מִיט אַ צְוֵייטְן, אוּן דִי לֶערֶערִין הָאט גֶעזָאגְט פַארְן קִינְד: **"דוּ מוּזְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן כִּתָּה"**. דָאס קִינְד אִיז אַרוֹיס פוּן כִּתָּה אוּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִינְדְרוֹיסְן אוֹיפְן גַאס בִּיז סוֹף טָאג. דִי לֶערֶערִין הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דָאס קִינְד הָאט זִיךְ עֶרְגֶעץ בַּאהַאלְטְן, אַזוֹי וֶועט זִי נִישְׁט שְׁטֶערְן אִין כִּתָּה אַ גַאנְצְן טָאג'.

נָאכְמִיטָאג וֶוען דָאס קִינְד אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען, הָאט זִי דֶערְצֵיילְט פַאר אִיר מַאמֶע אַז זִי אִיז גֶעוֶוען אַ גַאנְצְן טָאג אִין גַאס אוּן זִי הָאט נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן הַיינְט. דִי מַאמֶע אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר הִיסְטֶערִישׁ אוּן זִי הָאט אָנְגֶערוּפְן דִי לֶערֶערִין פְרֶעגְן: **"הֲיִתָּכֵן מֶען הָאט גֶע'קַנְסְ'עֶט מַיין קִינְד צוּ שְׁטֵיין אַ גַאנְצְן טָאג אִינְדְרוֹיסְן אִין דִי קֶעלְט אָן אִיר גֶעבְּן צוּ עֶסְן?!"** הָאט דִי לֶערֶערִין גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ הָאבּ אִיר נִישְׁט גֶעהֵייסְן גֵיין אִין גַאס, אִיךְ הָאבּ אִיר בְּלוֹיז גֶעהֵייסְן שְׁטֵיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, אוּן זִי אִיז אַלֵיין אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין גַאס"**.

הֶערְנְדִיג דִי מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: דִי עֲבֵירָה אִיז טַאקֶע נָאר הָאלְבּ, וַוייל דִי לֶערֶערִין הָאט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט דָאס קִינְד אִין גַאס, אָבֶער וָואס מֵיינְט דָאס צוּ לָאזְן אַ קִינְד אוֹיף הֶפְקֵר אָן ווִיסְן וואוּ זִי גֶעפִינְט זִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג?! דָאס קִינְד הָאט טַאקֶע גֶעטוּן אַן אוּמְרֶעכְט מִיטְן אַוֶועקְלוֹיפְן אוּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן, אָבֶער דִי לֶערֶערִין וָואלְט גֶעדַארְפְט גֵיין זוּכְן דָאס קִינְד. אַ קִינְד אִיז דָאךְ נִישְׁט גֶענוּג קְלוּג אַלֵיין צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז קֶעלְט קֶען זַיין אַ סַכָּנָה, אוּן זִי קֶען חָלִילָה פַארְפְרוֹירְן וֶוערְן.

מְחַנְכִים זֶענֶען אַחֲרָאִי אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט מִיט אַ קִינְד דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן טָאג. אוֹיבּ עֶס פַּאסִירְט חָלִילָה עֶפֶּעס מִיט אַ קִינְד, וֶועט מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְן דֶעם מְחַנֵךְ וָואס הָאט פַארְנַאכְלֶעסִיגְט זַיין אַרְבֶּעט, (מֶען רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט פוּן

## שיעורים אין חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

דעם אַז די רעגירונג באַאַמטע קענען צומאָל באַשטראָפן מיט תּפיסה, דער אייבערשטער זאָל אָפּהיטן).

צווייטנס, ווען עס קומט די צייט פון מיטאָג, וואָלט די לערערין געדאַרפט צוריק רופן דאָס קינד און איר געבן צו עסן. מען טאָר נישט קנס'ענען אַ קינד מיטן נישט געבן צו עסן.

### דער מחנך קנס'עט זיך אַליין

עס קען אַמאָל פּאַסירן אַז אַ מחנך וויל קנס'ענען אַ קינד, אָבער ער כאַפּט זיך נישט אַז אַנשטאָט צו קנס'ענען דאָס קינד - קנס'עט ער זיך אַליין...

איינער וואָס איז געווען געשטעלט אַהיימצופירן די קינדער פון אונזער תּלמוד תּורה "היכל הקודש", פון ווילי'אַמסבורג קיין באָראָ פּאַרק, האָט מיר איין טאָג דערציילט אַז איין קינד דרייט ממש איבער דורכאויס דעם גאַנצן וועג אַהיים, און ער טראַכט אים צו קנס'ענען אַז ער וועט אים איבערלאָזן אין תּלמוד תּורה. האָב איך אים געפרעגט: וואָס גייט זיין נאָכדעם וואָס דו וועסט אים נישט מיט נעמען? דו האָסט פאַר אים אַן אַנדערע וועג אַהיים? דאָס קינד דאַרף דאָך אָנקומען קיין באָראָ פּאַרק. דו קענסט אים נישט איבערלאָזן אין תּלמוד תּורה ביז מאָרגן, אָדער וועסטו אים דאַרפן באַזונדער אָפּטראָגן קיין באָראָ פּאַרק, אָדער וועסטו דאַרפן וואַרטן עטליכע שעה ביז די מאַמע וועט אים קומען אָפּנעמען. קומט אויס אַז דו האָסט זיך אַליין געקנס'עט, ווייל דו וועסט בלייבן פאַרנומען מיטן קינד נאָך אַפּאָר שעה... ענדערש רעד נאָכאַמאָל צום קינד און בעט דעם אייבערשטן אַז דאָס קינד זאָל איינזיצן, און אַלעס וועט ווערן מסודר.

## בריוון פון חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

### פאַרוואָס צאָלט מען אַזוי ווייניג פאַר אַ מלמד?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין שוין אַ מלמד אַ שיינע פּאָר יאָר, איך האָב ברוך השם אַ גרויסע משפּחה מיט קינדער, אָבער איך פאַרדין נישט גענוג צו דעקן דעם חודש, איך באַקום ממש ווי מען באַצאָלט פאַר אַ ביליגער אַרבעטער אויף די גאַס. פאַר יעדע זאַך פאַרשטייט מען אַז מען דאַרף צאָלן נאָרמאַל, אויסער פאַר אַ מלמד וואָס טוט די שווערסטע אַרבעט, זיצן אין אַ קלאַס מיט לעבעדיגע קינדער אַ גאַנצן טאָג און אויסהאַלטן יעדן קינד'ס שוועריקייטן.

איך פאַרשטיי אַז די מוסד וואו איך בין איינגעשטעלט האָט נישט קיין געלט צו באַצאָלן מער, אָבער איך קען נישט פאַרשטיין ווען איך זע מענטשן צאָלן נישט די שכר למוד אָדער דינגען זיך מיט די פּרייז ווען אין די זעלבע צייט ווען זיי איינקויפן וואָס זיי דאַרפן פאַר זייער באַקוועמליכקייט און אויסגעבן געלט אויף זאַכן וואָס זענען נישט באמת וויכטיג, און נאָר ווען עס קומט צו שכר למוד, וואָס איז באמת די וויכטיגסטע זאַך פאַר אַ מענטש, זוכט מען צו שפּאָרן.

אויך טוט מיר זייער וויי ווען איך הער אַסאַך מאָל מענטשן זאָגן אַז אַ מלמד ווערט אַ מלמד ווייל ער טויג נישט אויף קיין שום אַנדערע זאַך, ווען דער אמת איז אַז אַ מלמד איז סאַך אַ שווערערע און אַסאַך מער אַ קאָמפּליצירטע אַרבעט פון רוב אַנדערע זאַכן, און צו זיין אַ גוטער מלמד פאָדערט זייער אַסאַך כח, מח און געדולד, און צום סוף פאַרשטייען אַפילו נישט די עלטערן וואָס דער מלמד טוט פאַר זייער קינד, און פאַר די קלענסטע זאַך וואָס זיי מיינען אַז מען האָט נישט גוט געטון וועט מען שוין רופן אָנשרייען און פאַרהאַלטן, ווען עס איז נישט מעגליך זיי מסביר צו זיין וואָס איז פאַרגעגאַנגען פּינקטליך.

איך קען ניצן חיזוק אויף דעם.

יישר כח

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ב' פּרשת וישלח, י"א כסליו, שנת תשפ"ב לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האָב ערהאַלטן דיין בריוו.

נישטאָ קיין ווערטער אַרויסצוברענגען דאָס גרויסקייט פון אַ גוטער מלמד, ווי גרויס זיינע זכותים זענען; אַלע תּורה און תּפלה וואָס די תּלמידים גייען לערנען און דאַווענען זייער גאַנץ לעבן - גייט אויפן זכות פונעם מלמד.

ליידער זענען מענטשן מזלזל אין מלמדים, מען שעצט נישט זייער אַרבעט; דאָס טוט זייער וויי, בפרט ווען מען אַרבעט ביטער שווער מיט אַ קינד און אַנשטאָט צו באַקומען אַנערקענונג פון די עלטערן אויף די שווערע אַרבעט - האָט מען גאָר טענות וכו'; דאָס נעמט אַרויס די כח פונעם מלמד.

איך בין אויך געווען אַ מלמד, איך פאַרשטיי דיך זייער גוט; מיט דעם אַלעם בעט איך דיר זייער זאָלסט זיך שטאַרקן. געדענק, מען אַרבעט פאַרן אייבערשטן, מען אַרבעט נישט פאַר קיינעם אַנדערש, און אויבן אין הימל ווערט אַוועקגעלייגט די שווערע אַרבעט און פּלאָג, עס איז אָנגעגרייט אַ גרויסער שכר פאַר מלמדים.

ווער נישט צעבראָכן ווען דו הערסט ווי מענטשן רעדן אויף מלמדים, ליידער זענען דאָ אַזעלכע וואָס טאָרן נישט זיין קיין מלמדים. מוהרא"ש דערציילט, עס איז געקומען אַמאָל אַ איד צו רבי מאיר שפּירא זכר צדיק לברכה זיך דורכרעדן מיט אים, דער איד איז געווען אַ שוחט און מען האָט אים אָפּגעזאָגט פון די שחיטה, און ער האָט זיך געוואָלט שואל עצה זיין וועלכע פּרנסה ער זאָל נעמען. רבי מאיר האָט אים געפרעגט וואָס ער טראַכט צו טון, האָט דער איד געזאָגט אַז ער האָט געקלערט אַז אַזוי ווי ער האָט נישט קיין פּרנסה, זאָל ער ווערן אַ מלמד. האָט אים רבי מאיר געזאָגט: "אַז דו האָסט נישט

גֶעקֶענְט שֶׁחְטְ'ן אָקְסְן, צִיגְן אוּן הִינֶער, וֶועסְטוּ יֶעצְט גֵיין שֶׁחְטְ'ן קִינְדֶער?!" עֶר הָאט אִים גֶעוָוארְנְט עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַואגְן צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אִין יֶעדֶע פַּרְנָסָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זִיךְ אַרַיינְלָאזְן, דַארְף עֶר זִיךְ קוֹדֶם לֶערְנֶען דִי פַּאךְ אוּן עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם קֶען עֶר אָנְהֵייבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט דֶעם. עֶס זֶענֶען דָא פַאכְן וָואס מֶען קֶען זִיךְ גְרִינְגֶער לֶערְנֶען, אוּן עֶס זֶענֶען דָא פַאכְן וָואס זֶענֶען שְׁוֶוערֶער אוּן נֶעמֶען לֶענְגֶער זִיךְ צוּ לֶערְנֶען. צוּם בַּיישְׁפִּיל, וֶוען אֵיינֶער ווִיל וֶוערְן אַ דָאקְטֶער דַארְף עֶר גֵיין לֶערְנֶען אוּן שְׁטוּדִירְן פַאר לַאנְגֶע יָארְן בִּיז עֶר קֶען זִיךְ דֶערלֶערְנֶען אוּן קֶענֶען גוּט דֶעם פַּאךְ. אוּן אֲפִילוּ קְלֶענֶערֶע פַאכְן דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ לֶערְנֶען קוֹדֶם, אֵיינֶער ווִיל אַרְבֶּעטְן מִיט עֶלֶעקְטְרִיק דַארְף עֶר זִיךְ דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען קוֹדֶם, אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט עֶר זִיךְ עֶלֶעקְטֶערֶעזִירְן חַס וְשָׁלוֹם; אֵיינֶער ווִיל זַיין אַ פֶּעינְטֶער, אַ סְטָאלֶער, אָדֶער סַיי וָואס, דַארְף עֶר קוֹדֶם ווִיסְן אוֹיבּ עֶר טוֹיג דֶערְצוּ, עֶר דַארְף קֶענֶען דֶעם פַּאךְ, עֶר דַארְף לִיבּ הָאבְּן דֶעם פַּאךְ. אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען אַ פַאכְמַאן צוּ טוּן פַאר אִים אַן אַרְבֶּעט אוֹיבּ יֶענֶער הָאט נִישְׁט קֵיין אַנוּנְג ווִי אַזוֹי מֶען טוּט עֶס, אָבֶער עֶס אִיז דָא אֵיין פַּאךְ וָואס אִיז אַן אוֹיסְנַאם, דָאס אִיז וֶוען אֵיינֶער ווִיל וֶוערְן אַ מְלַמֵּד. עֶס זֶענֶען טַאקֶע דָא אַסַאךְ גוּטֶע מְלַמְּדִים, עֶס אִיז אָבֶער גֶעוָוארְן אַזוֹי אַיינְגֶעפִירְט אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה, עֶר אִיז אַ שְׁלִימַזָל אוּן עֶר טוֹיגְט צוּ גָארְנִישְׁט – דֶער וֶוערְט אַ מְלַמֵּד. דָאס אִיז זֵייעֶר מָאדְנֶע, פַּארְוָואס פּוּנְקְט בַּיי דֶעם פַּאךְ קוּקְט מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אֵיידֶער מֶען נֶעמְט אִים אוֹיף אַלְס מְלַמֵּד צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר טוֹיגְט טַאקֶע צוּ דֶעם פַּאךְ אָדֶער נִישְׁט? שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר אַז אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה אוּן עֶר אִיז מַחְלִיט אַז אַזוֹי ווִי עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶועט עֶר וֶוערְן אַ דָאקְטֶער... דָאס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ רְצִיחָה, עֶר וֶועט הַרְגְ'ענֶען מֶענְטְשְׁן רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס רַחֲמָנָא לִיצְלָן".

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט דִי גוּטֶע מְלַמְּדִים; אַן עֶרְלִיכֶער מְלַמֵּד, אַ מְלַמֵּד וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער – דֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דָנִיאֵל יב, ג): "'וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד', אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן" – דִי מְלַמְּדִים וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵייעֶר שְׂכַר אִיז אַזוֹי פִיל אוּן אַזוֹי גְרוֹיס ווִי דִי שְׁטֶערְנְס אִין הִימְל; וֶוען מֶען קוּקְט אַרוֹיף אִין הִימְל זֶעט מֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע נִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא, דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן אַזוֹיפִיל בִּילְיָאנֶען שְׁטֶערְן. אוּן דָאס וָואס מֶען זֶעט מִיט דִי אוֹיגְן אִיז נָאךְ גָארְנִישְׁט קֶעגְן דֶעם וָואס מֶען זֶעט קוּקְנְדִיג מִיט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע פַארְגְרֶעסֶערוּנְג גְלָאז [טֶעלֶעסְקָאוּפּ]. עֶס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ צֵיילְן דִי פִילֶע בִּילְיָאנֶען שְׁטֶערְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן, אוּן עֶר הָאט זֵיי אַלֶע גֶעגֶעבְּן אַ נָאמֶען, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַז אַזוֹי ווִי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס אִין הִימְל, אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן אוּן אָפְּשַׁאצְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שְׂכַר וָואס וַוארְט אָפּ פַאר אַ מְלַמֵּד וָואס גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט קִינְדֶער ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן לֶערְנְט מִיט זֵיי תּוֹרָה.

דָאס וָואס דוּ קְרֶעכְצְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין גֶעלְט; מֵיין נִישְׁט אַז דֶער וָואס אַרְבֶּעט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ – הָאט מֶער גֶעלְט פוּן דִיר, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, יֶעדֶער וֵויינְט; דֶער חִילוּק אִיז נָאר, מִיט וָואס מוּטְשֶׁעט מֶען זִיךְ? "אָנוּ עֲמֵלִים וְהֵם עֲמֵלִים, אָנוּ עֲמֵלִים וּמְקַבְּלִים שָׂכָר", מִיר מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס קִינְדֶער; מִיר בּוֹיעֶן אוֹיף דֶעם קוּמֶענְדִיגְן דוֹר פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, "וְהֵם עֲמֵלִים וְאֵינָם מְקַבְּלִים שָׂכָר", אוּן אַנְדֶערֶע מוּטְשֶׁען זִיךְ אוּן עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט פוּן דֶעם.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת ויצא שנת תשפ"ב)

חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קוֹל בּרסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876